בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# דֶער רִיכְטִיגֶער שָׁלוֹם

וואוּ עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט אַז דֶער אֱמֶתְ'ער צַדִּיק פַארְרֶעכְט אוּנְז דֶעם "בְּרִית קוֹדֶשׁ", וָואס דוּרְכְדֶעם הָאט מֶען 'שָׁלוֹם' מִיט זִיךְ אַלֵיין, מִיט דִי וַוייבּ, אוּן מִיט יֶעדְן, אוּן מֶען אִיז שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, אוּן מֶען ווִיל נָאר נִכְלָל וֶוערְן אִין אִים.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א

פַּרְשַׁת פִּנְחָס תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְּמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**מתיבתא היכל הקודש**
Mesifta Heichal Hakodesh
1129-42nd Street
Brooklyn NY 11219

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
79 Decatur Avenue.
347-243-2992

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site: www.breslevcity.co.il**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at:**

**amazon.com** or at: **mohorosh.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-481-3321**

breslevcity.co.il

# דֶער רִיכְטִיגֶער שָׁלוֹם

א.

מִיר גֶעפוּנֶען דִי וָואךְ [פַּרְשַׁת פִּנְחָס] אִין דִי סִדְרָה, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶער מִדַּת הַדִּין אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל רַחְמָנָא לִצְלָן, צוּלִיבּ דִי נִיאוּף וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען, בִּיז פִּנְחָס אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט דָאס אַרָאפְּגֶענוּמֶען, וַוייל אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא 'נִיאוּף' רַחְמָנָא לִצְלָן, קוּמְט נָאכְדֶעם אַ 'כִּלָּיוֹן' אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן. אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא-כָל-עוֹלָמִים: מֶען זָאל נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן אִין דִי אַלֶע שְׁמוּץ פוּן נִיאוּף רַחְמָנָא

breslevcity.co.il

לִצְלָן. בִּפְרַט אִין דִי צְוֵויי חֳדָשִׁים פוּן תַּמּוּז - אָב, וָואס דָאס אִיז מְרוּמָז אַקֶעגְן דִי צְוֵויי אוֹיגְן, וַוייל אַלֶע חֳדָשִׁים זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹי וִוי דִי גֶעשְׁטֶעל פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן תַּמּוּז - אָב זֶענֶען דִי אוֹיגְן (עַיֵּין בְּנֵי יִשָּׂשׂכָר מַאֲמָרֵי חָדְשֵׁי תַּמּוּז אָב, מַאֲמַר א). דֶער פָּשׁוּטֶ'ער טַעַם אִיז, וַוייל אִין דִי צְוֵויי חֳדָשִׁים אִיז זֵייעֶר הֵייס, אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן מוֹרָא'דִיג רַחְמִים אַז מֶען זָאל קֶענֶען הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אוֹיגְן.

שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה בַּיי דִי 'תּוֹכָחָה' (דְּבָרִים כח, לד): וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה, אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְשׁוּגָע נָאר פוּן קוּקְן שְׁמוּץ; וַוייל דָאס אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַפְקִיר זַיין אוֹיגְן צוּ קוּקְן רַחְמָנָא לִצְלָן יֶעדֶע שְׁמוּץ, אִיז פָּשׁוּט אַ שִׁגָּעוֹן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן לו): אַלֶע מְשׁוּגָעִים וֶוערְן נָאר פוּן נִיאוּף רַחְמָנָא לִצְלָן. חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג' ע"א): **אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנָס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת** - אַ מֶענְטְשׁ טוּט נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה נָאר אַז עֶס גֵייט אִין אִים אַרַיין אַ נַארִישֶׁע רוּחַ; קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט וִויפִיל **רוּחַ שְׁטוּת** עֶר

breslevcity.co.il

הָאט, אַזוֹי פִיל מְשׁוּגַעתְ׳ן הָאט עֶר (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ז), וַוייל יֶעדֶע מְשׁוּגַעַת וָואס קְלֶעבְּט זִיךְ אָן אִין אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט פוּן נִיאוּף. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ס): דוּרְכְדֶעם וָואס דִי זֶרַע פוּן מֹחַ וֶוערְט אוֹיסְגֶעטְרִיקֶענְט, וֶוערְט מֶען מְשׁוּגָע רַחְמָנָא לִצְלָן; וֶועגְן דֶעם אַז מֶען גֵייט אַרַיין אִין דִי תַּאֲוָה פוּן נִיאוּף אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֵצָה פוּן **בִּלְעָם הָרָשָׁע**, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶר קֶען נִישְׁט שֶׁעלְטְן דִי אִידְן, וַוייל זֵיי פִּירְן זִיךְ אוֹיף מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגְן **צְנִיעוּת** אוּן **קְדוּשָׁה**, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעבּוֹיעֶט דִי שְׁטוּבֶּער אַז קֵיין אֵיין טִיר זָאל נִישְׁט זַיין קֶעגְן דִי אַנְדֶערֶע, וַוייל מֶען קוּקְט נִישְׁט אַרַיין, אוּן מֶען מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי אַן אַנְדֶערְן, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען, עֶר וֶועט גֶעבְּן אַ אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר בָּלָק, זָאגְט עֶר פַאר בָּלָק: דוּ וֵוייסְט! **אֱלֹהֵיהֶם שֶׁל אֵלוּ שׂוֹנֵא זִמָּה** - זֵייעֶר בַּאשֶׁעפֶער הָאט פַיינְט שְׁמוּץ (סַנְהֶדְרִין קו ע״א). זָאלְסְטוּ מַפְקִיר זַיין דִי טֶעכְטֶער פוּן מוֹאָב רַחְמָנָא לִצְלָן, זֵיי זָאלְן גֵיין אוֹיסְגֶעטוּהְן אוּן שְׁמוּצִיג מִיט

breslevcity.co.il

אַלֶע זוּהֲמוֹת, מְמֵילָא אַפִילוּ דִי אִידְן פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס צְנִיעוּת וֶועסְטוּ זֵיי קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן דוּרְכְדֶעם. לַיידֶער אִיז עֶס אִים גֶעלוּנְגֶען, אוּן שֵׁבֶט שִׁמְעוֹן אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן דוּרְכְגֶעפַאלְן, בִּפְרַט זִמְרִי בֶּן סָלוּא וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער נָשִׂיא פוּן שֵׁבֶט שִׁמְעוֹן אִיז דוּרְךְ גֶעפַאלְן מִיט כָּזְבִּי בַּת צוּר, וָואס זִי אִיז גֶעוֶוען אַ טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶע פוּן דִי פִינֶעף קֶענִיגְן אִין מִדְיָן.

חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין פב ע"א): אִיר פָּאטֶער הָאט אִיר אָנְגֶעזָאגְט: זָאלְסְט נִישְׁט קֵיינֶעם וֶועלְן, נָאר זֵייעֶר הוֹיפְּט; ווייל זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט כַאפְּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אָבֶער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַן 'אִישׁ אֱלֹקִים', זַיין אוּנְטֶערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן זַיין אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַ שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט (דְבָרִים רַבָּה יא, ד), אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשֵׁיידְט (דְבָרִים ה, כח), מְמֵילָא אִיז דָאס בַּיי אִים בִּכְלַל נִישְׁט שַׁיָיךְ גֶעוֶוען, אָבֶער ווִיבַּאלְד זִי הָאט גֶעהֶערְט אַז זִמְרִי אִיז אוֹיךְ אַ רֹאשׁ אוּן אַ נָשִׂיא בַּיי שֵׁבֶט שִׁמְעוֹן, הָאט זִי אִים גֶענוּמֶען.

breslevcity.co.il

## ב.

וָואס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דִי סִבָּה אַז פּוּנְקְט שֵׁבֶט שִׁמְעוֹן אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן?! נָאר דָא גֵייט מֶען צוּרִיק צוּ דִי פַּרְשָׁה פוּן 'מְכִירַת יוֹסֵף', דֶער עִיקָר חֵלֶק אִין דָאס פַארְקוֹיפְן יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען שִׁמְעוֹן! כָאטְשִׁיג עֶר הָאט מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט זִיךְ לֵוִי, אִיז עֶר אָבֶער גֶעוֶוען דֶער עִיקָר וָואס הָאט אָנְגֶעאַרְבֶּעט אַקֶעגְן יוֹסֵף הַצַדִיק. וָואס 'יוֹסֵף הַצַדִיק' אִיז 'מִדַת הַיְסוֹד', וָואס הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת צוּ דִי טוּמְאָה, פַארְקֶערְט יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט גֶעהַאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בִּיטֶערֶע נִסָיוֹן מִיט דִי וַוייבּ פוּן פּוֹטִיפַר אִין מִצְרַיִם, אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעלָאפְן אוּן דָאס בַּייגֶעשְׁטַאנֶען. אוּן וִויבַּאלְד שִׁמְעוֹן אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע צָרָה: דֶער טַאטֶע זָאל הָאבְּן אַזַא גֶעפֶערְלִיכֶער צַעַר, אוּן יוֹסֵף זָאל דַארְפְן דוּרְךְ גֵיין דֶעם גַאנְצְן בִּיטֶערְן שְׁוֶוערְן נִסָיוֹן אִין מִצְרַיִם, אוּן אַ הָאר הָאט גֶעפֶעלְט עֶר זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה לו ע"ב): עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי נֶעגְל פוּן זַיין פוּס אוּן הֶענְט, אַזוֹי אִיז עֶר נִיצוֹל גֶעוָוארְן. אוּן

breslevcity.co.il

אִין הִימְל צָאלְט מֶען צוּרִיק, הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, אַז זַיין שֵׁבֶט אִיז אוֹיךְ גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אוּן זֵיי זֶענֶען דוּרְךְ גֶעפַאלְן רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נֶעבֶּעךְ גֶעמוּזְט שְׁטַארְבְּן.

פוּן דֶעם זֶעהְט מֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶר קֶען טוּהְן פַאר אַ צְוֵוייטְן רִשְׁעוּת, אוּן עֶס וֶועט דוּרְךְ גֵיין אוּן עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וַיִקְרָא א, ב): **אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם** קָרְבָּן. טַייטְשְׁן צַדִיקִים אַז דֶער אִיבְּרִיגֶער וָוארְט 'מִכֶּם', אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִ'דָה כְּ'נֶגֶד מִ'דָה, צוּ וַוייזְן: אַז וָואס מֶען טוּט פַאר יֶענֶעם, בַּאקוּמְט מֶען נָאכְדֶעם צוּרִיק, אוּן מֶען דַארְף בַּאצָאלְן אַ קָרְבָּן דֶערְפַאר.

ג.

**צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים וְהִכִּיתֶם אוֹתָם. כִּי צוֹרְרִים הֵם וְגוֹ'** (בַּמִדְבָּר כו, יז-יח). דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעזָאגְט: מֶען זָאל זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אָפְּרֶעכֶענֶען אוּן נוֹקֵם זַיין מִיט דִי

breslevcity.co.il

מִדְיָנִים; וַוייל בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג לַיידְט מֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס בִּלְעָם הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט בַּיי דִי אִידְן רַחְמָנָא לִצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמד): אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס צַעַר אוּן יִסוּרִים אַז יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶונֶען מוּז אִיךְ אִינְזִינֶען הָאבְּן בִּלְעָם. פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אוֹיס: מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, אַז עֶר אִיז פַארְנוּמֶען צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן מַכְנִיעַ זַיין דֶעם בִּיטֶערְן חֵטְא פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע; דֶערְפַאר אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן גֶעוֶוען דֶער עִיקָר צוּ פַארְרֶעכְטְן דֶעם 'בְּרִית' אוּן דֶעם 'יְסוֹד'.

אַז מֶען ווִיל בּוֹיעֶן אַ בִּילְדוּנְג מוּז עֶס קוֹדֶם הָאבְּן אַ גוּטֶע אוּן אַ שְׁטַארְקֶע יְסוֹד, אַזוֹי קֶען מֶען דֶערְנָאךְ אַרוֹיף בּוֹיעֶן נָאךְ אוּן נָאךְ, וֶועגְן דֶעם הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹי פַארְלֵייגְט אוֹיף דִי יְסוֹד, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף 'שָׁלוֹם בַּיִת', עֶר הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָנִים רסג רסד): מֶען זָאל זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי פְרוֹי, אוּן אִיר זַייעֶר

breslevcity.co.il

טַייעֶר הַאלְטְן, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא מְצִיעָא נט ע"א): אוֹקִירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ - הַאלְט טַייעֶר דַיין וַוייבּ, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט וֶוערְן רַייךְ. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סט): דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן עֲשִׁירוּת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ. אוּן בְּעִיקָר וַוייל זִי רַאטֶעוֶועט דָאךְ אִים פוּן אַ חֵטְא, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא בְּרֶענְגְט (יְבָמוֹת סג ע"א): רֶבִּי חִיָּיא הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע רֶעבֶּעצִין, וֶוען עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ אֵיין זַאךְ, הָאט זִי דִירֶעקְט גֶעמַאכְט דָאס פַארְקֶערְטֶע, דִי קִינְדֶער הָאבְּן דָאס שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: טַאטֶע! פוּן יֶעצְט אָן אַז דוּ דַארְפְסְט עֶפֶּעס הָאבְּן, וֶועלְן אוּנְז דָאס בֶּעטְן פוּן דִי מַאמֶען. אוּן זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אוּן גֶעזָאגְט דִי טַאטֶע ווִיל דָאס, מְמֵילָא הָאט זִי גֶעמַאכְט פַארְקֶערְט, אוּן דִי טַאטֶע הָאט שׁוֹין גֶעהַאט וָואס עֶר דַארְף, נָאךְ עֶטְלִיכֶע מָאל אַזוֹי, רוּפְט זִיךְ אָן רֶבִּי חִיָּיא פַאר דִי קִינְדֶער: זֶעהְט אוֹיס דִי מַאמֶע אִיז שׁוֹין בֶּעסֶער גֶעוָוארְן. הָאבְּן דִי קִינְדֶער גֶעמוּזְט אוֹיסְזָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר זֵיי הָאבְּן

breslevcity.co.il

שְׁפִּיל אוּן אוֹיסְגֶעדְרֵייט יֶעדֶע זַאךְ וְכוּ׳, זָאגְט עֶר זֵיי: טוּט דָאס נִישְׁט מֶער, וַוייל מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן לִיגֶענְט. אוֹיךְ פַארְצֵיילְט דִי גְמָרָא (שָׁם), אַז רֶבִּי חִיָיא פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוֹיפְן דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנוֹת פַאר זַיין וַוייבּ הָאט אִים רַב גֶעפְרֶעגְט זִי אִיז דָאךְ דִיר שְׁטֶענְדִיג מְצַעֵר? הָאט עֶר אִים אוֹיפְגֶעקְלֶערְט אוּן גֶעזָאגְט: עֶס אִיז אוּנְז גֶענוּג דָאס אַלֵיין אַז זֵיי עֶרְצִיעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען אוּנְז מַצִּיל פוּן אַן עֲבֵירָה.

אַז מֶען זָאל אַרַיינְטְרַאכְטְן פוּן וֶועמֶען מֶען רֶעדְט דָא, פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי חִיָיא, וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה בִּכְלַל וָואס אַ צַדִּיק אִיז, אַוַודַאי נִישְׁט אַ תַּנָּא, בִּפְרַט רֶבִּי חִיָיא וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא׳דִיג גְרוֹיס, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל פַארְצֵיילְן אוּנְז (בָּבָא מְצִיעָא פה ע״ב), פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, אַז דִי וַוייבּ רַאטֶעוֶועט אִים פוּן אַן עֲבֵירָה, וָואס זָאלְן מִיר שׁוֹין זָאגְן, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - מֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים - אַזוֹי שְׁטַארְק מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוּן אָנְגֶעוָוארְנְט אוֹיף **׳שָׁלוֹם בַּיִת׳**, אוּן מְכַבֵּד זַיין אוּן טַייעֶר הַאלְטְן דִי וַוייבּ.

breslevcity.co.il

## ד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן רמב): אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא 'אֲרִיךְ אַנְפִּין דִקְדוּשָׁה', דָאס הֵייסְט, וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ קוּקְט נָאר, זֶעהְט עֶר 'אֱלֹקוּת', עֶר זֶעהְט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פוּן יֶעדֶע זַאךְ, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אוּן דָאס וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, "וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז מֶען זָאל נָאר זֶעהְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן נָאר רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער", בְּמֵילָא וֶועט מֶען שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וִוי אָדָם הָרִאשׁוֹן פַארְן חֵטְא, וָואס דִי גַאנְצֶע חֵטְא פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז גֶעקוּמֶען דוּרְךְ דִי שְׁלַאנְג, אַזוֹי וִוי זַיין וַוייבּ חַוָה הָאט גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית ג, יג): הַנָּחָשׁ הִשִּׁיאַנִי – דֶער שְׁלַאנְג הָאט מִיךְ אִיבֶּערְגֶערֶעדְט. זָאגְט דִי גְמָרָא אוֹיף דֶעם (שַׁבָּת, קמו ע"א, וְעַיֵּין בְּרַשִׁ"י שָׁם), אַז זִי הָאט גֶעהַאט צוּטוּהְן מִיטְן שְׁלַאנְג, [הִשִּׁיאַנִי אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן נְשִׂיאִין], עֶר הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין אִיר אַ גִיפְט, אוּן דֶעם גִיפְט הָאט זִי אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין אָדָם, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער חוּרְבָּן.

breslevcity.co.il

וֶועגְן דֶעם בַּאטְרֶעפְט 'נָחָשׁ' פּוּנְקְט וִויפִיל 'מָשִׁיחַ', וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט עֶר דָאס פַארְרֶעכְטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה יא, ט): כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵעָה אֶת הֲוָיָה וְגוֹ' - דֶעמָאלְס וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אָנְגֶעפוּלְט וֶוערְן מִיט דַעַת צוּ אַנֶערְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין נָאר זֶעהְן 'אֱלֹקוּת', אוּן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶערְפַאר הֵייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָן זַיין סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מִיט דֶעם (חֵלֶק א' סִימָן א), אַז אַ אִיד דַארְף קוּקֶען אוֹיפְן 'חַיוּת אֱלֹקוּת' וָואס אִיז דָא אִין יֶעדֶע זַאךְ, אוּן שְׁטֶענְדִיג זָאל עֶר נָאר זֶעהְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פוּן יֶעדֶע זַאךְ, דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן: אֲרִיךְ אַנְפִּין דִקְדוּשָׁה, וואוּ מֶען דְרֵייט זִיךְ, זֶעהְט מֶען נָאר 'אֱלֹקוּת'.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: אַז קֶעגְן דֶעם אִיז נֶעבֶּעךְ דָא 'אֲרִיךְ אַנְפִּין דִקְלִיפָּה' אַז וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ קוּקְט, זֶעהְט עֶר נָאר שְׁמוּץ. בִּפְרַט אִין זוּמֶער וֶוען דִי גוֹיִם גֵייעֶן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעטוּהְן אַזוֹי וִוי דִי חַיוֹת, דַארְף מֶען הָאבְּן מוֹרָא'דִיג אַסַאךְ רַחֲמִים, וַוייל עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט

breslevcity.co.il

מֶעגְלִיךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן. וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי טָמֵא׳נֶע כֹּחַ פוּן בִּלְעָם, וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעאַרְבֶּעט דִי אַלֶע שְׁמוּץ, אוּן ווָאוּ מֶען זָאל זִיךְ נָאר נִישְׁט דְרֵייעֶן זָאל מֶען נֶעבֶּעךְ מוּזְן זֶעהְן שְׁמוּץ רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיב אַזוֹי: מַה יַּעֲשֶׂה הַבֵּן שֶׁלֹּא יֶחְטָא. דֶערְפַאר דַארְף מֶען אוֹיךְ מְלַמֵד זְכוּת זַיין אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל בֶּאֱמֶת גֵייעֶן נִישְׁט אִידִישֶׁע קִינְדֶער זוּכְן קַיין שְׁמוּץ, נָאר מֶען מוּז דָאךְ אַרוֹיס גֵיין אַרְבֶּעטְן וְכוּ׳, וֶוערְט מֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי בִּיטֶערֶע עֵצָה פוּן בִּלְעָם.

וֶועגְן דֶעם אִיז גֶעקוּמֶען פִּנְחָס, וָואס עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְנֶעמֶען, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נוֹקֵם גֶעוֶוען אִין זִמְרִי בֶּן סָלוּא מִיט כָּזְבִּי בַּת צוּר, וָואס דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר מַכְנִיעַ גֶעוֶוען דִי אַלֶע קְלִפּוֹת אוּן טוּמְאוֹת. וְוִי אַזוֹי? עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד אוּן דָאס אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין זֵיי, אַזוֹי וְוִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִדְבָּר כה, ז) וַיִּקַּח ׳רֹמַח׳ בְּיָדוֹ.

breslevcity.co.il

דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (תִּקוּנֵי זֹהַר דַף יא ע״א): ׳רֹמַ״ח׳ אִיז מְרוּמָז, אַקֶעגְן דִי רְמַ״ח [צְוֵויי הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן פֶערְצִיג] וֶוערְטֶער, וָואס עֶס אִיז דָא אִין ׳קְרִיאַת שְׁמַע׳. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן לו): אוֹיב עֶס שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ דִי בִּיטֶערֶע תַּאֲוָה, זָאל עֶר לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן אוֹיב עֶס אִיז זִיךְ גָאר שְׁטַארְק מִתְגַבֵּר אוֹיף אִים, זָאל עֶר דֶעמָאלְס אוֹיךְ לָאזְן טְרֶערְן, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן דָאס מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע, הֲלָכָה ה): אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן ׳קְרִיאַת שְׁמַע׳ אִיז ׳אֱמוּנָה׳, וֶועגְן דֶעם אַז אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן יֶעדֶע זַאךְ אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דָאס קֶען אִים רַאטֶעוֶועוְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט דוּרְכְפַאלְן מִיט עֲבֵירוֹת.

חַזַ״ל דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת, כח ע״ב): פַאר רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, זֶענֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעבֶּעטְן: רֶבִּי! בֶּענְטְשְׁט אוּנְז, הָאט עֶר זֵיי אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן אוּן גֶעזָאגְט: אִיר זָאלְט מוֹרָא הָאבְּן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט מוֹרָא פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם.

breslevcity.co.il

הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט, אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע בְּרָכָה?! הָאט עֶר זֵיי גֶענְטְפֶערְט: הַלְוַואי זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל זִינְדִיגְן, בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט זֶעהְן; עֶר קוּקְט קוֹדֶם פוּן אַלֶע זַייטְן אוּן אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט זִינְדִיגְט עֶר רַחְמָנָא לִצְלָן. קוּמְט אוֹיס אַז פוּן אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְט מֶען זִיךְ וַוייל מֶען שֶׁעמְט זִיךְ, "אָבֶער אַז מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן עֶר זֶעהְט אַלֶעס, אִיז דָאס דִי הֶעכְסְטֶע בְּרָכָה וָואס קֶען נָאר זַיין, אוּן דָאס אִיז אִים מַצִיל פוּן אַן עֲבֵירָה"; אוּן דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט דָאס אַרַיינְצוּבְּרֶענְגְן אִין אוּנְז.

עֶס אִיז דָא דְרֵיי עֶרְלֵיי סְפָרִים, דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר 'נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ', וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'סִפְרָן שֶׁל צַדִיקִים' - דִי סֵפֶר פוּן צַדִיקִים, וַוייל אִין אַלֶע תּוֹרוֹת פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה רֶעדְט עֶר אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם צַדִיק, [דִי גַאנְצֶע סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ רֶעדְט פוּן צְוֵויי זַאכְן: עֲנָוָה אוּן צַדִיק]. נָאכְדֶעם אִיז דָא דֶער סֵפֶר 'לִקוּטֵי אֲמָרִים-

breslevcity.co.il

תַּנְיָא' פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'סִפְרָן שֶׁל בֵּינוֹנִים' (עַיֵּין בְּשַׁעַר הַסֵּפֶר), [אַ בֵּינוֹנִי הֵייסְט אֵיינֶער וָואס טוּט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת (עַיֵּין פֶּרֶק א)]. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס סֵפֶר 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' אִיז 'סִפְרָן שֶׁל רְשָׁעִים'; דָאס הֵייסְט "דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ אַפִילוּ פַאר דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען שׁוֹין דוּרְכְגֶעפַאלְן, אוּן עֶר אִיז מְגַלֶה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי נִידֶערִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער, זָאל מֶען זִיךְ אוֹיךְ קַיין שׁוּם פַאל נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, נָאר וִויסְן אַז דָארְטְן אִיז אוֹיךְ דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פוּן דָארְטְן קֶען מֶען אוֹיךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּהְן", אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קיב): **אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְכוֹלִים לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְכוֹלִים לְתַקֵּן**; וַוייל אוֹיב בִּיזְטוּ צוּבְּרָאכְן אַז דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט, אִיז דָאךְ אַ סִימָן אַז דוּ הָאסְט אֶמוּנָה, וֶועגְן דֶעם טוּט דִיר אַזוֹי וֵויי וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן, אוּן דוּ הַאלְסְט נִישְׁט אוֹיס אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעמַאכְט אַזַא חוּרְבָּן,

breslevcity.co.il

אוֹיב אַזוֹי מוּזְטוּ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אוּן וִויסְן אַז מֶען קֶען אַלֶעס פַּארְרֶעכְטְן, אוּן מֶען קֶען אוֹיף אַלֶעם תְּשׁוּבָה טוּהְן.

ה.

אוּן וְוייבַּאלְד פִּנְחָס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי קְלִיפָּה פוּן בִּלְעָם, וָואס מָשִׁיחַ וֶועט דָאס עֶנְדִיגְן צוּ פַּארְרֶעכְטְן, אוּן מַאכְן אַז יֶעדֶער אִיד זָאל קֶענֶען נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה. דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעוָוארְן אֵלִיָהוּ, וָואס עֶר וֶועט אוּנְז קוּמֶען מְבַשֵׂר זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה פוּן דִי גְאוּלָה (מַלְאָכִי ג, כג), אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט: **הִנְנִי נוֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם**, אַז עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגְן שָׁלוֹם. דֶערְפַאר זָאגְן חַזַ״ל (עֵדִיוֹת פֶּרֶק ח, ז): **אֵלִיָהוּ הַנָבִיא** וֶועט נִישְׁט קוּמֶען מְקָרֵב זַיין אָדֶער מְרַחֵק זַיין, נָאר מַאכְן **שָׁלוֹם** אִין דִי וֶועלְט; אוּן אַז מֶען הָאט שָׁלוֹם הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם, הָאט מֶען גָארְנִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן לג): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן שָׁלוֹם מִיט זִיךְ, עֶר זָאל זַיין אַ

breslevcity.co.il

צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, אוּן וְויסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס טוּט זִיךְ מִיט אִים אִיז לְטוֹבָה, סַיי עֶס אִיז גוּט, אוּן סַיי עֶס אִיז חָלִילָה נִישְׁט גוּט, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֵוייסְט וָואס עֶר טוּט. אָבֶער דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶר אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן אוּן עֶר פְרֶעגְט: פַארְוָואס קוּמְט מִיר דָאס? פַארְוָואס דַארְף אִיךְ הָאבְּן אַזַא צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ? פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַזוֹי פִיל לַיידְן פוּן קִינְדֶער, אָדֶער פוּן אַ וַוייבּ, אָדֶער פוּן מֶענְטְשְׁן?! וָואס יֶעדֶע 'פַארְוָואס' אִיז אַ קְלִיפָּה, אַזוֹי וְוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים עט, י): 'לָמָּה' יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם, גוֹיִם פְרֶעגְן 'פַארְוָואס'. אַ אִיד דַארְף וְויסְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, אַז אַזוֹי אִיז דָאס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמד, טו): **אַשְׁרֵי הָעָם** [וואוֹיל אִיז דֶער אִידִישֶׁער פָאלְק], **שֶׁכָּכָה לוֹ** [וָואס אַזוֹי אִיז צוּ אִים], וְוי אַזוֹי? אָט אַזוֹי!

דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶן, וֶועט עֶר לַיידְן פוּן זַיינֶע קִינְדֶער. אוֹיבּ רֶעדְט עֶר זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, וֶועט עֶר לַיידְן פוּן זַיין וַוייבּ, אוֹיבּ טוּט עֶר זַאכְן

breslevcity.co.il

וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, וֶועט עֶר לַיידְן פוּן מֶענְטְשְׁן. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים לח, ד): **אֵין שָׁלוֹם בַּעֲצָמַי מִפְּנֵי חַטָּאתִי**, פַארְוָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיי זִיךְ אִין זַיינֶע בֵּיינֶער? וַוייל עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן יד). אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אוֹיף זַיין **מַחְשָׁבָה דִיבּוּר מַעֲשֶׂה**, וֶוערְט אַלֶעס פַארְרָאכְטְן, אוּן עֶס וֶוערְט שָׁלוֹם בַּיי זִיךְ, אוּן עֶר וֶוערְט אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ. וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, אוּן צוּ גְלֵייבְּן אַז וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט, אַזוֹי דַארְף עֶס צוּ זַיין.

נָאכְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְן עֶר זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט זַיין וַוייבּ, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, כד): **וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ, וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד**. אוּן וִויאַזוֹי קֶען מֶען טַאקֶע זֶעהְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן פ): **שָׁלוֹם וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן נָאר וֶוען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן פַארְגְלַייכְן זִיךְ, וַוייל וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אִיז נִישְׁט**

breslevcity.co.il

שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן קַיין שָׁלוֹם, אָבֶער אַז אֵיינֶער אִיז אֵשׁ אוּן אֵיינֶער אִיז מַיִם, דָאס הֵייסְט אֵיינֶער אִיז אַ בְּרֶענֶעדִיגֶער אוּן אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער, יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט דֶענֶעוִוירְט אִים, וְוידֶער דֶער אַנְדֶערֶער אִיז אַ רוּאִיגֶער אוּן אַ גֶעלַאסֶענֶער, אוּן דָאךְ קוּמְט מֶען זִיךְ דוּרְךְ, דָאס הֵייסְט: שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אֵשׁ וּמַיִם – פַּייֶער אוּן וַואסֶער, וָואס דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּזַאם גֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעמַאכְט שָׁלוֹם, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן: שָׁמַיִם-הִימֶעל.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג זַיין אִין שְׁטוּבּ אַ וַותְּרָן, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל, אַזוֹי וְוי חֲזַ״ל זָאגְן (דֶּרֶךְ אֶרֶץ זוּטָא, פֶּרֶק א; מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, קא) **לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם עָלוּב בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ** – אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ לָאזְן פַארְשֶׁעמֶען אִין שְׁטוּבּ, אוּן זַיין אַ **סַבְלָן** אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן. אָבֶער אַז דוּ ווילְסְט דַוְקָא אוֹיפְוַוייזְן אַז דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט אוּן נִישְׁט זִי, וֶועסְטוּ זִיךְ בַּיים סוֹף טְרֶעפְן אִינְדְרוֹיסְן, וַוייל זִי וֶועט אַנְטְלוֹיפְן, אוּן דוּ וֶועסְט שׁוֹין דַארְפְן גֵיין צוּ אַ שָׁלוֹם בַּיִת קַאמִיטֶע, זֵיי זָאלְן דִיר צוּרִיק בְּרֶענְגְן דִי וַוייבּ. אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, אוּן עֶר

breslevcity.co.il

אִיז מְוַתֵּר אוּן לָאזְט אִיר שְׁטֶענְדִיג זַיין גֶערֶעכְט, וֶועט זַיין שָׁלוֹם, אוּן אַלֶעס וֶועט זִיךְ מְמֵילָא צוּם סוֹף אוֹיסְפִּירְן אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם וֶועג, אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז.

וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן פַּאר פִּנְחָס: אַ בְּרִית שָׁלוֹם, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שָׁלוֹם אוּן זַיין אַ רוּאִיגֶער צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, נָאר אַז עֶר הָאט פַאְרְהִיט דֶעם בְּרִית, אָבֶּער אַז מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית אִיז מֶען אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ.

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען מְקוֹרָב אַ אִיד וָואס עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט אִין אַ פַאבְּרִיק, וָואס דֶער בַּעַל-הַבַּיִת אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּן אַ מְקוּבָּל, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אֵיין חִסָרוֹן, עֶר פְלֶעגְט וֶוערְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן אוֹיבּ דִי אַרְבֶּעטֶערְס הָאבְּן נִישְׁט גֶעטוּהְן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט, הָאט עֶר גֶענוּמֶען פַּאטְשְׁן רַחְמָנָא לִצְלָן, אֵיינְמָאל הָאט עֶר אִים גוּט אָנְגֶעשְׁלָאגְן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין בִּיטֶער הַארְץ וִוי זַיין בַּעַל הַבַּיִת שְׁלָאגְט אִים, זָאגְט אִים

די הֵיילִיגֶע רֶבִּי: בְּרֶענְג אִים אַהֶער צוּ מִיר. אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען, אָבֶער וִויבַּאלְד עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶועןן זֵייעֶר אַ פְלַייסִיגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס אִיז אִים גֶעוֶועןן אַ שָׁאד יֶעדֶע מִינוּט אָנְצוּבְּרֶענְגֶן, הָאט עֶר מִיטְגֶענוּמֶען אַ סֵפֶר מִיט זִיךְ, אַזוֹי קוּמְט עֶר אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הַאלְטֶענְדִיג דֶעם סֵפֶר אִינְטֶערְן אָרֶעם, פְרֶעגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: וָואסְפַארַא סֵפֶר אִיז דָאס? קוֹדֶם הָאט עֶר זִיךְ פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן, בִּיז עֶר הָאט גֶעמוּזְט אוֹיסְזָאגְן, אַז עֶס אִיז אַ קַבָּלָה סֵפֶר, זָאגְט אִים דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי: קַבָּלָה בַּאטְרֶעפְט וִויפִיל 'נוֹאָף'. אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן.

נָאכְדֶעם זָאגְט אִים דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי: פַארְוָואס וֶוען עֵר הָאט רַחֲמָנָא לִצְלָן גֶעזִינְדִיגְט מִיט דֶעם בִּיטֶערְן חֵטְא פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶע'הַרְגֶ'עט, שְׁטֵייט דֶעם לָשׁוֹן (בְּרֵאשִׁית לח, ז): וַיְהִי עֵר... רַע בְּעֵינֵי ה' – עֵר אִיז גֶעוֶועןן שְׁלֶעכְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס אוֹיגְן. פַארְוָואס שְׁטֵייט נִישְׁט רָשָׁע?! נָאר אַז אֵיינֶער זִינְדִיגְט מִיט דֶעם חֵטְא, אִיז עֶר אַ בֵּייזֶער [=אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער], אוּן אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ. וְוי נָאר

breslevcity.co.il

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיפְגֶעדֶעקְט, אַז עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם חֵטְא רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר הָאט ׳חַטאוֹת נְעוּרִים׳, הָאט עֶר זֵייעֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען: אַז עֶר הָאט שׁוֹין חֲרָטָה, אוּן דִי רֶבִּי זָאל אִים גֶעבְּן אַ תִּיקוּן. דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: עֶר זָאל מֶער נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין קַבָּלָה, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט פַאר אִים וְכוּ׳, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן אוּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן. אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אַ צַייט הָאט עֶר זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט בַּאצָאלְן זַיין אַרְבַּייטֶער, אִיז דֶער אַרְבֶּעטֶער נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוּסְט אַז יֶענֶער וִויל טַאקֶע תְּשׁוּבָה טוּהְן, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אִים דַן צוּ זַיין לְכַף זְכוּת (עַיֵּין בַּאֲרִיכוּת שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רמט).

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אַז אוֹיב אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ ׳תִּיקוּן הַבְּרִית׳ אִינְגַאנְצְן, אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא ׳שָׁלוֹם בַּיִת׳, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט, מֶען רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט, מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ נִישְׁט, אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן, אוּן נָאר מָשִׁיחַ וֶועט דָאס קוּמֶען אוּן פַארְרֶעכְטְן, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגְן

breslevcity.co.il

דֶעם רִיכְטִיגְן שָׁלוֹם, סַיי בַּיי זִיךְ אַלֵיין אוּן סַיי אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶר וֶועט פַארְרֶעכְטְן דֶעם חוּרְבָּן וָואס דֶער עֶרְשְׁטֶער שְׁלַאנְג [נָחָשׁ] הָאט אָנְגֶעמַאכְט אִין שָׁלוֹם בַּיִת, דֶערְפַאר בַּאטְרֶעפְט 'מָשִׁיחַ' אַזוֹי וִוי 'נָחָשׁ'.

## ו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רעח): אוֹיף דֶעם פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כה, יא): **בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי**, אַז עֶס אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס עֶר אִיז שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא, נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין. דָאס הֵייסְט עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט נָאר גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, אוּן נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה פוּן צַדִּיקִים.

מֶען זֶעהְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, אַז עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אוֹיסְדְרוּקְן (אוֹרַח לַצַּדִּיק, פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ ד"ה מִדְרָשׁ): **הַלְוַואי** זָאלְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַזַא לוֹיטֶערֶע 'נְשָׁמָה' אַזוֹי וִוי מַיין לוֹיטֶערְן גוּף. אוּן בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג אִיז אָנְגֶענוּמֶען

breslevcity.co.il

אַז דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר **נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ** אִיז מוֹרָא'דִיג מְסוּגָל, און מֶען לֵייגְט דָאס אוּנְטֶערְן קִישְׁן פוּן אַ 'יוֹלְדוֹת', אָדֶער אַז מֶען דַארְף דוּרְכְגֵיין אַן אַפֶּערַאצְיֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, אַלְץ סְגוּלָה.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶעהְן דֶעם סֵפֶר **נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ** אִיז עֶר מוֹרָא'דִיג נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן, און עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעזָאגְט: דָאס גְרוֹיסְקֵייט און הֵיילִיגְקַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ אַלֵיין, אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ אַסַאךְ גְרֶעסֶער פוּן דָאס וָואס מֶען זֶעהְט אִין זַיין סֵפֶר (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקנג).

דֶער הֵיילִיגֶער 'עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם' זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז יוּנְגֶערְהֵייט גֶעוֶוען רָב אִין אַ קְלֵיין דֶערְפְל 'הוּמְנָא' [אוּיבֶּערְלַאנְד], אֵיין טָאג אִיז דָארְט דוּרְכְגֶעפָארְן אַ פּוֹלִישֶׁער אִיד צוּלִיבּ בִּיזְנֶעס, אִיז עֶר אַרַיין צוּם רָב, דֶער רָב הָאט אִים שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען און גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זִיךְ אַבִּיסֶעל צוּלֵייגְן, פְרֶעגְט עֶר: דֶער רָב הָאט אֶפְשָׁר אַ נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ? זָאגְט עֶר: אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דָאס אִיז.

breslevcity.co.il

וואוּנְדֶערְט זִיךְ דֶער אִיד אוּן פְרֶעגְט דֶעם רָב: אִיר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ? נֵיין! – עֶנְטְפֶערְט דֶער רָב. רוּפְט זִיךְ אָן דֶער אִיד צוּם רָב: אַזוֹי וְוִי אִיר הָאט מִיךְ אַזוֹי שֵׁיין מְקַרֵב גֶעוֶוען, זָאג אִיךְ אַייךְ צוּ, וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים וֶועל אִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ שִׁיקְן פַאר אַייךְ אַ **נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ** אוֹיף דִי פָּאסְט.

דֶער אִיד הָאט טַאקֶע גֶעהַאלְטְן וָוארְט, אוּן עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רָב דִי סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָארְט שְׁטֵייט, דֶערְפַאר וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט 'אַהֲבָה רַבָּה' הָאט עֶר זֵייעֶר בִּיטֶער גֶעוֵויינְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ. דִי רֶעבֶּעצִין וֶוען זִי הָאט גֶעהֶערְט אַזוֹי אוֹיסְטֶערְלִישׁ וֵויינֶען, אִיז זִי אַרַיינְגֶעלָאפְן זֶעהְן צוּ עֶס אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס גֶעשֶׁעהְן מִיט אִים, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְרֶעדְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, נָאכְן דַאוֶוענֶען פַארְצֵיילְט עֶר: אַ אִיד הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אַ סֵפֶר אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דָארְט שְׁטֵייט, וֶועגְן דֶעם וֵויין אִיךְ אַזוֹי. בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעעֶפֶענְט דִי אוֹיגְן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן

breslevcity.co.il

זֶעהְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס עֶס אִיז דָא אִין דֶעם סֵפֶר, אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ חֲסִידוּת. אוּן עֶר אִיז אַסַאךְ גֶעפָּארְן קַיין בֶּעלְז, אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶעגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיךְ דֶעם רוּחַ פוּן חֲסִידוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן סז): אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער עִיקָר זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן קוּקְן אוֹיף זִיךְ; אַנְשְׁטָאטְס צוּ קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם אוּן אוֹיף זַיינֶע חִסְרוֹנוֹת.

ז.

שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ (תְּרוּמָה דַף קנא ע"ב): עֶס אִיז דָא אַ שְׁטָאט וָואס הֵייסְט לוּז, וָואס דָארְטְן שְׁטַארְבְּן נִישְׁט דִי מֶענְטְשְׁן, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן דִי שְׁטָאט אוּן דָארְט שְׁטַארְבְּט עֶר (וְעַיֵין סוֹטָה מו, ע"ב). הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי: אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דָאךְ אַן 'אֶרֶץ הַחַיִּים' אוּן דִי שְׁכִינָה אִיז שְׁטֶענְדִיג דָארְט, וָואלְט מֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן, אוּן פַארְוָואס נָאר פּוּנְקְט

breslevcity.co.il

דָארְטְן שְׁטַארְבְּט מֶען נִישְׁט?! הָאט זַיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי מַסְבִּיר גֶעוֶועְן: אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט הָאט עֶר דָאס בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ אוֹתִיוֹת וְכוּ׳, לוֹיז אִיז גֶעבְּלִיבְּן נָאר מִיט אוֹת ט׳, מְמֵילָא אִיז נִישְׁט דָא דָארְט קַיין מִיתָה וְכוּ׳ (עַיֵּין שָׁם בַּאֲרִיכוּת עַל פִּי סוֹד).

הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט, אַז דִי אוֹת ט׳ וַוייזְט אוֹיף ט׳וֹב – גוּט, אוּן אַז פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז גוּט, עֶר קוּקְט גוּט, אוּן עֶר אִיז קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא, אִיז נִישְׁט דָא קַיין מִיתָה, וַוייל אַז דִי וַוייבּ אִיז גוּט, דִי קִינְדֶער זֶענֶען גוּט, עֶר אַלֵיין אִיז גוּט, אַלֶע זֶענֶען גוּט, מְמֵילָא לֶעבְּט יֶעדֶער. אָבֶּער אַז מֶען הֵייבְּט אָן צוּ קוּקְען דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן זִיךְ, פוּן דִי קִינְדֶער, פוּן דִי וַוייבּ, פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶער אִיז שְׁלֶעכְט, דָאס אִיז מָוֶת, עֶר הַרְגֶ׳עט יֶעדְן אָפּ רַחְמָנָא לִצְלָן.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רעח): פִּנְחָס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי מִדָה פוּן קִנְאָה, עֶר זָאל שׁוֹין נִישְׁט מְקַנֵא זַיין קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער

breslevcity.co.il

אַלֵיין. דֶערְפַאר הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ בְּרִית פוּן אֵייבִּיגֶע כְּהוּנָה, אוּן פוּן אִים וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וָואס עֶר וֶועט מְבַשֵׂר זַיין דִי גְאוּלָה, וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גְאוּלָה.

דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין בְּסֵפֶר חֶסֶד לְאַבְרָהָם מַעְיָן ה, נָהָר כה): דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶע'הַרְגֶ'עט גֶעוָוארְן פוּן שֵׁבֶט שִׁמְעוֹן, זֶענֶען נָאכְדֶעם מְגוּלְגָל גֶעוָוארְן אִין דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא, אוּן רֶבִּי עֲקִיבָא אַלֵיין אִיז גֶעוֶועזְן זִמְרִי בֶּן סָלוּא, זַיין וַוייבּ אִיז גֶעוֶועזְן כָּזְבִּי בַּת צוּר, וַוייל עֶר הָאט דָאס גֶעדַארְפְט פַארֶעכְטְן. זִמְרִי מִיט כָּזְבִּי הָאט עֶר טַאקֶע פַארְרָאכְטְן, אָבֶּער דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט מֶענְטְשְׁן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט מְתַקֵּן זַיין, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזְן צְוִוישְׁן זַיינֶע תַּלְמִידִים קַיין גוּטְס, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט נָאר גֶעקוּקְט דָאס שְׁלֶעכְטְס פוּן יֶענֶעם, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דַן גֶעוֶועזְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן לְכַף זְכוּת, וָואס דוּרְכְדֶעם הָאבְּן זֵיי זִיךְ נֶעבֶּעךְ

breslevcity.co.il

אוֹיסְגֶע׳הַרְגֶ׳עט. און וֶוען אִיז דָאס גֶעוֶוען? צְוִוישְׁן פֶּסַח און שְׁבוּעוֹת (יְבָמוֹת סב ע״ב).

וַוייל שְׁבוּעוֹת וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה, גֵייט מֶען שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, וָואס דָאס אִיז דִי וֶוערְטֶער מֵצַר-יַם - אַ שְׁמָאלְן מֹחַ און קְלֵיין קֶעפֶּעלְדִיגְקֵייט, און מֶען זֶעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זַיין גְרוֹיסְקֵייט, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת כ, טו): **וְכָל הָעָם רוֹאִים אֶת הַקּוֹלוֹת**, אַלֶע אִידְן הָאבְּן גֶעזֶעהְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. און אַז מֶען הָאט **גַדְלוּת הַמּוֹחִין** אִיז אַלֶעס גוּט, און מֶען קוּקְט נָאר דָאס גוּטְס און אוֹיף דִי **טוֹב** פוּן יֶעדֶע זַאךְ, און מֶען קְרִיגְט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט. און צוּ דֶעם זֶענֶען מִיר זוֹכֶה שְׁבוּעוֹת, וֶוען מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי ׳תּוֹרָה׳ דוּרְךְ ׳**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ**׳ און יֶעדֶער הָאט גֶעזֶעהְן דֶעם ״אֵייבֶּערְשְׁטְן״, וָואס דִי דְרֵיי זַאכְן זֶענֶען טוֹב, דִי ׳תּוֹרָה׳ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן טוֹב, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי ד, ב): **כִּי לֶקַח ׳טוֹב׳ נָתַתִּי לָכֶם וְכוּ׳**. דִי ׳צַדִיק׳ אִיז אוֹיךְ טוֹב, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה ג, י): **אִמְרוּ צַדִּיק כִּי ׳טוֹב׳**. דֶער ״בַּאשֶׁעפֶער״ אִיז טוֹב, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט

breslevcity.co.il

(תְּהִלִים קמה, ט): 'טוֹב' ה' לַכֹּל. אוּן וֶוען מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּקֶען אוֹיף דִי טוֹב אוּן גוּטְס פוּן אַלֶעם, וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה.

דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אוֹיסְגֶעלֵייזְט צוּ וֶוערְן.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

breslevcity.co.il